מאַרץ 9 — 15, 2012 ■ אדר 15 — 21, תשע"ב ■ March 9–15, 2012

# פֿאָרווערטס

Volume CXIV No. 31,902
(For cataloging: no issue 31, 884)
Yiddish Forward
10 ש"ח
1897 געגרינדעט אין

דער „פֿאָרווערטס“ איז פֿאַר: פֿרײַהייט פֿאַר אַלע מענטשן; פֿרײַהייט פֿאַר ייִדן צו פֿירן אַ ייִדיש לעבן; אַ געזיכערטער מדינת־ישׂראל; אַ פֿרײַער אַרבעטער־באַוועגונג



Credit: Bella Bryks-Klein

## קעגן נעאָ־נאַציזם אין ליטע — אַ דעמאָנסטראַציע אין תּל־אָבֿיבֿ

דעם 5טן מערץ, אַנטקעגן דעם „דן־פּאַנאָ־ראַמאַ־האָטעל“ אין תּל־אָבֿיבֿ, איז דורכגעגאַנגען אַ דעמאָנסטראַציע בעת ס'איז דאָרטן פֿאָרגעקומען אַ גאַלאַ־סעודה לכּבֿוד דעם ליטווישן אויסערן־מיניסטער אַודראָניוס אַזובאַליס, אָרגאַניזירט דורך דער קאָמערץ־קאָנצעלאַריע ישׂראל־ליטע. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געהאַלטן טראַנספּאַראַנטן אויף העברעיִש, ענגליש און ייִדיש („מיט אונדזערע העלדן פּאַרטיזאַנער, קעגן נעאָ־נאַציזם... מיר זענען דאָ!“).

אין דער מאַניפֿעסטאַציע האָבן זיך באַטייליקט: ד"ר אפֿרים זורוף, דירעקטאָר פֿונעם „ווײַזענטאַל־צענטער“ אין ישׂראל; דניאל גלאַי, פֿאָרזיצער פֿונעם „ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין, און אַדוואָקאַט יוסף מלמד, פֿאָרזיצער פֿון

(סוף אויף זײַט 30)

## קעגן נעאָ־נאַציזם אין ליטע — אַ דעמאָנסטראַציע אין תּל־אָבֿיבֿ

(סוף פֿון דער ערשטער זײַט)

דער ליטווישער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין ישׂראל — „איגודי יוצאי ליטא“. מלמד, אַ געבוירענער אין קאָוונע, וועלכער איז געווען בעת די מלחמה־יאָרן אין געטאָ, און שפּעטער געקעמפֿט ווי אַ פּאַרטיזאַן, ווערט צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער, ווי רחל מאַרגאָליס און יצחק ארד, געפֿאָרשט דורך די ליטווינער מאַכט־אָרגאַנען, צוליב זייער קאַמף קעגן די אָרטיקע נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָרן.

וויכטיק צו דערמאָנען, אַז זונטיק, דעם 11טן מערץ, אין דעם פֿײַערלעכן אומאָפּהענגיקייט־טאָג פֿון ליטע, וועלן מיט אַן אָפֿיציעלער דערלויבעניש, אויך מאַרשירן נעאָ־נאַצישע אַקטיוויסטן. אויב מע גיט צו צו דעם פֿאַקט, וואָס ליטע איז זייער אַקטיוו אין פֿאַרשפּרייטן אין אייראָפּע די פֿאַלשע און פֿאַרפֿירנדיקע פּראָפּאַגאַנדע, אַז נאַציזם און קאָמוניזם זענען גלײַך, גיט דאָס שוין אין איינעם זייער אַ בולט בילד פֿון דעם וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר.

עס איז גוט, וואָס איינִיקע פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס אין ישׂראל האָבן דאָס מאָל באַשלאָסן צוזאַמען אָפּטרייסלען זיך פֿון דער וואַרעמער באַציִונג און כּבֿוד, וואָס אַודראָניוס אַזובאַליס איז זוכה געווען צו באַקומען אין לאַנד. די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער טרעפֿונג זענען אַנטשלאָסן נישט צו פֿאַרשווײַגן דאָס פֿאַרקריפּלען דעם חורבן און די טרויעריקע ראָלע וואָס אַ סך ליטווינער האָבן אין די מלחמה־יאָרן געשפּילט. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז נאָך אָרגאַניזאַציעס און יחידים וועלן זיך אין גיכן אָנשליסן אין דעם וויכטיקן קאַמף.